Jagiellonskiej

„RADOMER-KIELC… 15 (205) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פרייז 25 גראשען פינפטער יאהרגאנג

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטען.

אדרעס
פון „ראדאמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwerlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייז!

אין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאך " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט צאהלען 8 שפאלטען
" אין טעקסט 4 "

20 go Kwietnia 1928 r. ◆◆ ראדאם פרייטאג ל' ניסן תרפ"ח. ◆◆ פאר'ן אינהאלט פון טעקסט אין די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך ◆◆

## ZAWIADOMIENIE

**NINIEJSZEM PODAJĘ DO WIADOMOŚCI, ŻE NABYŁEM OD W-GO PANA**
*F. Łagodzińskiego fabrykę wód mineralnych i owocowych*
**i takową będę prowadził pod swoją firmą.**
**Zwracam się z prośbą o łaskawe, życzliwe popieranie tego przedsiębiorstwa.**

Z poważaniem St. BRUŚNICKI.

65.000
לאקאמאבילען
וועלכע די פירמע
וואלף האט ביז היינט גע-
ליפערט בעוויזען.
אז דאס זענען די שפארזאמסטע און
זיכערסטע מאשינען.
מיר געבען לאנגען קרעדיט.
**Inż. Z. KLENIEC, Warszawa,**
**Sienna 45,** tel. 105-93.

Lekarz-dentysta
# H. BRYKMAN-WAŁCHOWICZ
**powróciła**
i przeprowadziła się na **Wałową № 7**
Laboratorjum zębów sztucznych.

## בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט דאס ג. פובליקום, דאס איך האב געעפענט א
הערבאטשארניע אויף לובלינער 3
(אין הויף נעבן טויער)
יעדען טאג איז צו בעקומען טיי, קאווע, מילך, סמעטענע, שאדלע
מ'קאן אויך פריהשטיקען און עסען קאלאציע.
אלץ איז פריש, זויבער און געשמאקפול.
כדי צו בעקומען שבת כשר'ע טיי דארף מען אויסקויפען פרייטאג קוויטלעך.
מיט אכטונג **ח. יאקובאוויטש**
לובלינער 3 (אין הויף).

## וואר נונג

אזוי ווי דער ה' הערשיל גרינבוים (זארשאווסקא 21) האט מיך שטארק בע'עוולה'ט, נעמענדיג ביי מיינע קונים דעקונג און געלד, וואס ער האט מיר נישט אפגעגעבען, און היות ווי איך האב איהם צוליב דעם גערופען עטליכע מאהל צו א דין תורה און ער וויל נישט געהן, אלזא בין איך איהם מזהיר און ווארען איהם צום לעצטען מאהל, דאס אויב ער וועט זיך נישט שטעלען מיט מיר צו א דין תורה אין פערלויף פון 5 טעג, ד"ה ביז דעם 24/4 ה. ח. וועל איך געצוואונגען זיין דעם גאנצען ענין איבערצוגעבען אין דער פראקוראטור און די פעראנטווארטליכקייט וועט פאלען אויסשליסליך אויף איהם אליין.

**חיים גאלדבערג**
דלוגא 56.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם

גאסטראלן פון דער בעוויסטער אפערעטען-טרופע אונטער דער
לייטונג פון א. קאמפאניעץ
עס נעמען אנטייל פרויען: אנעלא, באריסאווא, לאטאוויטש, קאמ-
פאניעץ, ראזען און פלאטער. מענער: פאליאקאוו, ראבינאוויטש,
לאטאוויטש, איזראעל, גוטמאן, מאטקאוו, קליינער, נייהויז א. א.

פרייטאג דעם 20 אפריל 9 אוונד
פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין ראדאם פרעמיערע!
דער לעצטער אמעריקאנער שלאגער
**גאט פון ליבע**
אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ.
פון מאקס געבל.
— הויפט-ראלען: —
פע-י אנעלא, אברהם דוד פאליאקאוו,
סימאן ראבינאוויטש, נצי באריסאווא

שבת דעם 21 אפריל 9 אוונד
פרעמיערע! געזאנג! טענץ!
שלאגער איבער שלאגער!
4 קאמיקערס!
די
**גרינע כלה**
אפערעטע אין 3 אקטען
פון וו. סיגאל

פרעמיערע! זונטאג דעם 22 אפריל 9 אוונד 25 נומערן געזאנג!
גרויסע אייראפעאישע אפערעטע — דער שלאגער פון ווארשא, לאדז,
לעמבערג און קראקא. — קאסקאדן פון געלעכטער!
**באראן קימעל**
אין 3 אקטען, פון קאלא.
א. פאליאקאוו אין זיין קרוין-ראל אלס „באראן קימעל".
סאפיע באריסאווא, האנס ראבינאוויטש, הילדא לאטאוויטש,
פיטער-פאבריקאנט לאטאוויטש.
נייעסטע טענץ, קיארטעטן, דועטען, טערצעטן און קופלעטן.

בילעטען צו בעקומען ביי ה' צווייגאפטיק לובלינער 9 און אין די טעג
פון די פארשטעלונגען ביי דער קאסע פון טעאטער.

אנאנס! נאענסטע פרעמיערעס! אנאנס!
די פוילישע חתונה, ראספוטין און צאריצא

רעזשיסער: ראבינאוויטש. געהילף רעזשי: איזראעל.
באלעטמייסטער: קליינער.

בעקומען צוגעשיקט א מעלדונג פון ה׳ סטאראסטא אויסצוצאהלען דעם הר׳ קעסטענבערג פענסיע פון סטיציען אן ה. י. ביז היינט, א סומע פון איבער 1000 זל. אין געגענפאל וועט ארויפגעלעגט ווערען א סעקוועסטער אויף געוויסע איינקונפטען פון גמינע.

ווי מ׳הערט, האט די טעג זיך געווענדעט צום סטאראסטא א דעלעגאציע, וועלכע האט אויסגע׳פועלט צו פראלאנגירען דעם טערמין פון אויסצאהלען פון 14־ען אויפ׳ן 19׳ען ה. ח.

לויט דעם אין אלוא צו זעהען, אז די קלאגנען פון בעשטעטיגטען בודזשעט זענען נאך געווען פריהצייטיג.

## קאמפאניעעצס טרופע אין ראדאם.

אין ראדאם הויבט אן גאסטראלירען היינטיגע וואך א יודישע טרופע אונטער דער לייטונג פון א. קאמפאניעעץ.

דאס אנסאמבל בעשטעהט פון כמעט 20 פערזאהן, צווישען וועלכע ס׳געפינען זיך בעדייטענדע ארטיסטישע כח׳ת.

ראס רעפערטואר, וואס די טרופע האט אין איהר בעזיץ, ענטהאלט א רייכען און פערשידענארטיגען אויסוואהל פון אינטערעסאנטע טעאטער־זאכען ווי: דראמעס, אפערעטען, מעלאדראמעס, קאמעדיעס.

אין דעם כחות־צוזאמענשטעל איז בעזונדערס כדאי אנצוווייזען אויף די נעמען: פאליאקאוו (חאראקטער־קאמיקער), ראבינאוויטש (פאט־קאמיקער), א. אניעלא (דראמאטישע ארטיסטין), ב. באריסאווא (סובּרעטין) א. אנד. די אלע אויסגערעכענטע האבען א נאמען אין דער ארטיסטישער וועלט און שפילען איבעראל מיט גרויס ערפאלג.

די טרופע קומט פון ביאליסטאק, וואו זי האט געשפיעלט א לענגערע צייט און שטארק אויסגענומען ביים גאנצען דארטיגען טעאטער־פובליקום.

די גאסטראל־אויפטריטען פון דער טרופע האט אין שטאדט ארויסגערופען גרויס אנזעהן און ס׳איז דעריבער צו ערווארטען, אז אלע פארשטעלונגען אין טעאטער „ראזמאיטאששי" וועלען מאסענווייז און צאהלרייך בעזוכט ווערען פון היגען יודישען טעאטער־עולם אין פון אלע ליעהאבער פון דער יודישער ביהנע.

## פון ראדאמער ספארט = בעוועגונג.

אנהויבענדיג פון ספארט־סעזאן האבען אויפ׳ן ספארט־פעלד פון ר. ק. ס (אלטער־גארטען) געשפילט פאלגענדע פריינדשאפטס־מעטשען:

בר־כוכבא — יוטשניא 2:4 (2:2)
בר־כוכבא — ראדאמיאנקא 1:2 (1:2)
מכבי — השחר 0:2 (0:0)
בר־כוכבא — ר. ק. ס. 2:1 (1:0)
מכבי — חשמונאי 0:3 (0:0)
בר־כוכבא — השחר 0:3 (0:0)

ש — ם.


KINO „ODEON“ w RADOMIU.

**OD 23 KWIETNIA**

Ostatnia nowość obecnego sezony p. t.

# ZEW ZMYSŁÓW

**Spowiedź szesnastoletniej**

Historja młodego niedoświadczonego i nieuświadomionego dziewczęcia.
Historja dziewczęcia, które za miłość zapłaciło krwią, łzami i życiem.

Wiośniana młodość. Uwiedziona.
Beztroskie życie. Macierzyństwo.
Pierwsza miłość. Straszliwa prawda.
Żar krwi. Rozpaczliwy krok.
Tragiczna karta z życia, jak wiele ... wiele w życiu kobiet.

Obraz przepięknie nagrany.

**Obraz pełen pikanterji i straszliwej prawdy życiowej.**

Obraz który powinien być oglądany przez wszystkich,

**Obraz na który powinny przyjść wszystkie panie z dorastającemi córkami.**

Obraz nadzwyczajny w treści i przepięknie nietylko nagrany ale i wyreżyserowany, w pełnym zrozumieniu nagrywanego scenarjusza.

W roli głównej wiośniana ELLEN KURTI

w epizodycznych rolach:

Greta GERDI, Ewa SZPEYER, Evi EVA,
Otto REINOLD, Al. WOŁOW, Ern. WEREBES.


# בעריכט פון דער קוילען=אקציע

## דורכגעפיהרט דורך דער הילפ׳ס-געז. „עזרה" אין ראדאם אין חדש יאנואר 1928.

| | | | |
|---|---|---|---|
| געזאמעלט ביי 42 פערזאן קוילען (פאר דער סומע 1,622.50 זל.) | 29,500 קלג. | פערטיילט צווישען 600 פאמיליעס (אלס שטיצע) קוילען | 60.000 קלג. |
| צוגעקויפט קוילען — — („ „ „ 1,650 10) | 30.500„ „ | | |
| (בעטרעפען צוזאמען זל. 3,272.60) | | | |
| | 60.000 קלג. | | 60,000 קלג. |

## קאסע-אברעכנונג.

| | | | |
|---|---|---|---|
| געזאמעלט ביי 81 פערזאן — — — — | 1,452 30 | אויסגעצאהלט פאר 30.500 קלג. קוילען — — | 1,650,10 זל. |
| געדעקט פון דער „עזרה"־קאסע — — — | 206.60 | אויסגאבען ביים זאמלען געלד אויף דער אקציע — | 8,80 „ |
| | 1.658 90 | | 1.658.90 |

אנטייל אין דער זאמלונג האבען גענומען פאלגענדע ה״ה: פרעזעס אדלער איט., ד״ר לעווי י., הירשענהארן ה., שיינפעלד ש. א., בארענשטיין יה., בירענבוים פ. און פרוי טייטעלבוים.

געשאנקען קוילען האבען פאלגענדע ה״ה: צמח מ., פירמע „לעשטש־טייכמאן", ראטענבערג א., קלייף ד., פירמע „ברידער גוטמאן און צוקער", לעסליוער י. מ. און זיהן, פישמאן א., רובינשטיין מ., אשכנזאי ה., העלצמאן ק., בירענבוים ח. מינצבערג ש., טענענבוים א., שטרויס ס., טייטעלבוים י. ד., קארמאן שמואל, דען יחיאל, קימעל ב., זילבערבערג ב., „גארפינקעל־זיסקינד", „ניימאן־רוטמאן", „ברידער אייכענבוים", וויינשטאק מ., קאנער א., בלומאן מ., דאנציגער פ., סענאטאר, וואלמאן ד., רובינשטיין מ. (לובלינער 30), וואלך ר., ווערבער י. מ., פירמע „צוקראספרזשעדאזש", בערקמאן ז., רוושיצקי ז. און ריכטמאן ק.

געשאנקען באאר האבען פאלגענדע ה״ה: רוטמאן א. (ווארשא), ד״ר קעלערווארם. בראגינסקי, צוקער מ. (וואהל 13), ניימאן נ., גאלדבערג אברהם, פערשטער מ., זיידענשניר ה., אדלער איתמר, קלעפפיש מ., פערל א., פוקס מ., גדין יצחק, גרין יוסף, מארגען פ., גאלדפיין י., פישמאן מ. ל. ד״ר לעווי י., טייטעלבוים חנה, בירנבוים פ., נירענבערג מ. י., אדלער וו., קאפער ד., „ברידער קורץ", פעפער שאול, אדלער ש., גוטמאן ח., הירשענהארן ה., בלאטמאן ד. (דלוגא), סאווא ד., פירמע „קעניגסבערג און צימערמאן", פירמע „מארגוליעס און ברידער ווערצהייזער", „שטיינמאן און בירענבוים", צעסארסקי י., פינקעלשטיין ל., צימבאליסטא מ., פרידמאן מ. י., ערליך נ., טאבאקמאן ש., קארמאן א., גארפינקעל ח. א., קליינמאן משה, הירשענשטרויס י., גאטליב א., בארנשטיין י. מ., ראפאפארט מ., ראיאל י. מ., הוראוויטש י., אדלער יששכר, פרידמאן ל., שרעק נ., „באנק פאר האנדעל און אינדוסטריע" (3 טער מאי פלאץ № 2) ארוואקאט מאיער, ד״ר שיטצער, פרוי שטיינמאן (פילסודסקי), גאלדפארב פיליפ. אדוואקאט שטארקער, שפירא ב., ראזענבערג (פילסודסקי), וויינבערג מ., ליכטענשטיין פ., קארמאן מ. (לובל. 7), אייגער ח., לעווין א. י., זיידענוועבער וו., זעליגער ק., גאלדקארן ש., ראזענבערג ש., הענדעל ש., האך א., בערנימאן י., גאטפריד א., האנצבערג ב. גוטשטאדט ה., סאנקעוויטש (לובלינער). פרוי פאזנאנסקא פ. און אורבינדער ד.

בעמערקונג: דער בעריכט פון דער פסח אקציע וועט ווערען בעקאנט געמאכט אין נעכסטען שבת. די קוויטירונגען פון די געשפענדעטע סומעס צו דער פסח־אקציע ווערען שוין אבגעשיקט דורך דעם „עזרה" אינקאסענט.

געזעלשאפט „עזרה" אין ראדאם.

1-03

# קעלצער אבטיילונג.

## די פסח־קוך פאר די אידישע זעלנער. — פייערליכע צוויי סדרים־נעכט. — א פוילישער מאיאר דאנקט דער יודישער קהלה.

די פסח־קוך וואס די אידישע קהלה האט היינטיגעס יאהר איינגעארדענט פאר די אידישע זעלנער פון קעלצער גארניזאן, האט מיט איהר פראכטפולקייט און מוסטערהאפטער ארדנונג איבערגעשטיגען אלע ערווארטונגען.

אלע יאהרען פלעגט די קהלה יוצא זיין מיט אסיגנירען בעדייטענדע סומען אויף דער קוך־הוצאות, אבער קיין אקטיווען אנטייל און קיין געהעריגע השגחה. — אויסער די איהר נאך פסח — דורך דער „עזרה לצבא" צוגעשיקטע בעריבטען — האט די קהלה נישט גענומען. היינטיגעס יאהר אבער האט די קהלה די קוך אליין איינגעארדענט — און מען דארף מודה זיין. אז די מסירת־נפש'דיגע ארבייט פון פרעזעס פון דער קהלה־פערוואלטונג, ה' וואלף קלוסקא, מיט דער שטארקער מיטהילף פון „מורחי"־קאמיטעט. מיט זיין פארזיצענדער ה' י. פינקלער בראש, וועלכע האבען מיטגעהאלפען צו פערזארגען די אידישע זעלנער מיט עסען איבער גאנץ יום־טוב. האבען זייער ארבייט אדורכגעפהרט מיט א בעזונדערען פלייס, אזוי, אז די זעלנער (אויך די קראנקע זעלנער, וועלכע האבען זיך געפונען אין די שפיטעלער) און די ארעסטאנטען, זענען געוועזען בעזארגט מיט די בעסטע מאכלים טובים און מיט כל־טוב. די ארעסטאנטען האט בעזארגט מיט עסען דער דורך דער קהלה בעפולמעכטיגטער פרנס, ה' שמעון סטראוטשינסקי.

בעזונדערס פייערליך זענען אדורך די צוויי סדר־נעכט. ניין אזייגער אוונד, ווען די זעלנער האבען זיך אין ספעציעל שוין דעקארירטען זאל, געזעצט צו די רייך־סערווירטע טישען, זענען אנגעקומען: הרב ראפאפארט, די מיטגליעדער פון ראט און פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה, מיט'ן פרעזעס ה' קלוסקא בראש, און פערשידענע דורך דער קהלה פערבעטענע געסט. גלייך איז אויך אנגעקומען דער דורך דער מיליטערישער מאכט ספעציעל דעלעגירטער מאיאר, ה' לאפושאנסקי.

די סדרים האט אבגעריכט הרב ראפאפורט. וועלכער האט גלייכצייטיג געהאלטען א דרשה מענינא דיומא. אינטערעסאנט איז געוועזען דער מאמענט, ווען הרב ראפאפארט האט ביי די שטעלע „השתא הכא לשנה הבא בארעא דישראל" געוואונשען די זעלנער זיי זאלען זוכה זיין צו זיין געטרייע איבערגעגעבענע זעלנער אין דער צוקונפטיגער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. טרעהרען פון שמחה און האפנונג האבען זיך בעוויזען אין די אויגען פון אלע אנוועזענדע. די זעלנער זענען אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער און געזונגען די „התקוה" און אנדערע נאציאנאלע אידישע ליעדער. דערביי האבען זיי הויך אויסגעשריגען: זאל לעבען פוילען!, יחי עם ישראל!, תחי ארץ־ישראל! צו דער צווייטער סדר־נאכט איז פערבעטען געווארען ראב"ד הארבערג.

דער מאיאר האט זיך אין דער אידישער זעלנער־סביבה געפיהלט זעהר היימיש און האט נישט פערלאזט די זעלנער היים ביז עס האט זיך געענדיגט דער סדר. אוועקגעהענדיג, האט זיך דער מאיאר געזעגענט מיט אלע אנוועזענדע געזעלשאפטליכע טהוער. דערביי האט ער אייסגעדריקט א הארציגען דאנק דער אידישער קהלה פאר איהר באמיהונג לטובת די אידישע זעלנער.

די זעלנער זענען געווארען באקעסטיגט איבער גאנץ יום־טוב און אלס אנדענקונג האבען זיי זיך צוזאמען פאטאגראפירט מיט'ן מזרחי־קאמיטעט און מיט עטליכע קהלה מיטגלידער.

## וויצע מיניסטער ה' צאר געוויילט אין קעלץ.

פערגאנגענע וואך האט געוויילט אין אונזער שטאדט, דער וויצע מיניסטער ה' צאר.

## א שטרייק פון די אידישע בעקער־ארבייטער.

היינטיגע וואך האבען פערשטרייקט אלע אידישע בעקער־ארבייטער. די סיבה פון שטרייק איז, וואס די אידישע בעקעריי־אינהאבער, האבען נישט געוואלט נאכגעבען די פאדערונג פון זייערע אנגעשטעלטע וועגען א 60% הוספה. צוליב דעם דאזיגען שטרייק הערשט אין שטאדט א מאנגעל אין ברויט.

## די קאנסטיטואירענדע זיצונג פון ראט פון קרייז־סוחרים־פעראיין. ה' יוסף שטייגמאן פרעזעס פון ראט

מאנטאג דעם 16 אפריל איז פארגעקומען די ערשטע קאנסטיטואירענדע זיצונג פון ניי־געוועהלטען ראט פון קרייז־סוחרים־פעראיין. אלס פארז. פון ראט איז מיט א מעהרהייט שטימען אייכגעוועהלט געווארען ה' יוסף שטייגמאן. די קאנסטיטואירונג פון דער פערוואלטונג איז צוליב געוויסע סיבות אבגעלייגט געווארען.

## די קהלה האט פערטיילט ביז 15 טויזענד זלאטעס פסח-שטיצע און ביז 1500 קילא מצות.

נישט קוקענדיג דערויף וואס דער קהלה־ראט האט בעשלאסען צו פערטיילען נישט מעהר ווי 12.000 זלאטעס אלס פסח־שטיצע, איז די פערוואלטונג געוועזען געצווינגען, צוליב דער שטארק פערגרעסערטער ארימקייט צו פערגרעסערען די שטיצע ביז 15 טויזענד זלאטעס. מצות זענען פערטיילט געווארען ביז 1500 קילא.

א אמת'ן יישר כח קומט דעם פרעזעס פון דער קהלה = פערוואלטונג ה' וואלף קלוסקא, וועלכער האט מיט א אויסערגעוועהנליכען מסירת־נפש, לאזענדיג אויף הפקר זיינע אייגענע געשעפטען, אדורכגעפירט די פסח אקציע, מוזענדיג דערביי אויך שאפען א יש מאין, ד. ה' אז דער ה' קלוסקא האט אויך געמוזט זארגען פאר די הכנסות אויף דער פסח־שטיצע. זאל דער שיינער טהאט פון אוא בעשיידענעם מענשען ווי ה' קלוסקא דינען אלס ביישפיל פאר די אנדערע קיעלצער כלל־טהוער און פאר די פון איהם מעהר רייכערע דאזארעס און פרנסים.

## דער „דאבראטשינאשץ" האט קיין „קמחא" נישט פערטיילט.

די געזעלשאפט „אחיעזר" פלעגט יעדעס יאהר פערטיילען „קמחא־דפסחא" אויף פסח. היי־יאהר אבער האט דער „אחיעזר" אין גאנצען פערגעסען, אדער האט זיך געמאכט פערגעסען, אז די ארימע־לייט דארפען אויף פסח. דער דאזיגער „שיינער" טהאט פון דעם „דאבראטשינאשץ" וועט גוט געדענקט ווערען.

## אלגעמיינע פערזאמלונג פון קרייז־סוחרים־פעראיין.

שבת' דעם 14 אפריל איז אין לאקאל פון סוחרים־פעראיין פארגעקומען די פארטזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג. נישט קוקענדיג אויף די נאך נישט פערענדיגטע וואהל חשבונות איז דאך געלונגען אויסצווועהלען א ראט און א פערוואלטונג פון סוחרים פון אלע גרופירונגען. אין ראט זענען אויסגעוועהלט געווארע. די ה"ה: ה. לעווי, מ. אייזענבערג. מ. וואלדבערג, י. שטייגמאן, א. פ. האלץ, וו. וויינריב. י. קאהן, מ. ח. מאהר, נ. זייפמאן, ח. פאכעל, א. י. לעוויט און ה. ראזענקראנץ. אין דער פערוואלטונג זענען אויסגעוועהלט געווארען ה"ה: ה. זיסקינד. י. זילבערשטיין, ב. שמולטוויץ, י ראפאפארט, מ. פ. קאמינער, נ. קייזער און ג. גאלדוואסער.

## ווער זענען די נייע מיטגלידער פון ראט און פערוואלטונג פון דער יודישער פאלקס־באנק?

די נייע מיטגלידער פון ראט פון דער יודישער פאלקס־באנק זענען פאלגענדע ה"ה: ד. וואלשטאט, ב. וויינריב, י. טנאך, אבאזשאנעק, א. וויינצווייג, ווייצמאן און גאטפריד. די נייע מיטגלידער פון דער פערוואלטונג זענען פאלגענדע ה"ה: ש. לייכטער, ב. לאקס און ד. טענענבוים.

## אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער פאלקס-באנק.

זונטאג, דעם 15 אפריל איז אין זאל „ארפעאום" פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער פאלקס־באנק. אויספיהרליך אין נעכסטען נומער.

## פסק-אקציע פון תומכי עניים.

א דאנק די בעמיהונגען און אינטענסיווע ארבייט פון היגען ראב"ד אלטער הורבערג און פרעזעס פון דער פערוואלטונג, דאטמאן יוסף קאהן און פערוואלטער יוסף מאריאנקא האט די געזעלשאפט „תומכי עניים" צעטיילט א פאר הונדערט פוד מצות פאר דער ארימער יודישער בעפעלקערונג.

# צו דער עפענטליכקייט.

דאמיט מעלדן מיר, אז חיים מרדכי פאריז איז געוואָרן אויס־געשלאָסן אלס מיטג. פון אונזער פראָדוציר־קאָאָפּ. „אייניקייט" אין ראַאָם פאר פאָלגענדע מעשים. 1) פאַראיאָרן האָט ער צוגענימען א וועקסל אויף א סומע פון 300 זל. און עס דיסקאָנטירט ביי ה׳ גדלי׳ מילשטיין (סמאָצ. 16) און ער איז אוועקגעפאָרן און קיינעם נישט געזאָגט וועגן דעם. און מיר נישט וועלענדיק דערלאָזן צו קיין פּראָטעסט האָבען עס געמוזט באַצאָלן, צוריקקומענדיק האָט ער אונטער דער דראונג פון איבערגעבן דאָס דעם געריכט איינגעלייגט א משכון אויף דער אויבנדערמאָנטער סומע, און פארזיכערדט דאָס מער נישט צו טוען. 2) מיר האָבן אים געשיקט מיט אונזער פראָדוקציע אלס פארקויפער אויף אונזער הוצאה אלס מאָנאטליכער אנגעשטעלטער, האָט ער מיטגענומען פרעמדע סחורה ביליגערע און דער־מיט שאָדן געבראכט אונזער געשעפט. 3) ביי איינקאסירן וועקסלן ביי די פרוי ערנאסטינע לערמאן אין סאמבאר האָט ער צוגענומען א וועקסל אויף א סומע פון 100 זל. און נישט געמאָלדן וועגן דעם. דערוויסנדיק זיך האָט ער אונטער פארשידענע דראונגען דאָס צוריקגעגעבן נישט קוקענדיג דא־רויף האָט אזא ערליכער פערזאָן ווי פאַריז דאָך נישט געקאָנט האלטן וואָרט און פאר יום־טוב אָנגענומען ביי ה׳ לעאָן פריד אין פשעמישל געלט און וועקסלן אויף אָ סומע פון 167 זל. און מיר זענען דאָס געוואויר געוואָרן בריוולעך. אלזאָ פאָדערן מיר אויף חיים מרדכי פאריז. אז אין משך פון 10 טאָג ביזן 1־טן מאַי צו צושטעלן דאָס געלט מיט די וועקסל. פאר דער עפענטליכקייט שטעמפלן מיר איהם אלס שאנטאזשיסט, פאר פארשוועגדן געזעלשאפטליכע געלטער פון וועלכן מיר גרעניצן זיך אָב, מיר רופען אויך אָב די באפאלמעכטיגונג וואָס ער האָט פון אונז.

**די פערוואַלטונג**

פאָרזיצ. **א. פלאמענבוים**, סעק. **יעקב קאָרמאָן**, קאסיר **יצחק פורמאַן.**

---

Drogiej naszej koleżance BELI GOLDFARBÓWNIE
wyrażamy najszczersze współczucie
z powodu zgonu Jej

**S I O S T R Y**

koleżanka i koledzy

*Cukrówna, Frydman,*
*Rubinsztejn, Dancygier.*

---

# OBWIESZCZENIE.

Magistrat m. Radomia, Wydział Skarbowy, podaje do publicznej wiadomości, że uchwała o poborze dopłat na założenie kanalizacji i wodociągów, powzięta na posiedzeniu Rady Mieiskiej w Radomiu w dniu 20 marca 1928 r. na podstawie art. 31 uchwały z dnia 11 sierpnia 1923 r. (Dz. Ust. Nr. 94, poz. 747), jest wyłożona do wglądu w Sekretarjacie Wydziału Skarbowego (1 piętro) w godzinach urzędowych, na przeciąg jednego miesiąca. —

Radom, dnia 16 kwietnia 1928 r.

w/z PREZYDENT miasta
( —) **W. UZIEMBŁO.**

Naczelnik Wydziału Skarbowego
( — ) **T. LAUTERBACH.**

---

# טראָפּנס נאָך: אטראָפּעס

יעדער שריט אויף האַרטע לעדער־אָבצאַסען פערברויכט אומזיסט די מוסקולען און די נערווען. עס דערשיטערט דעם גאַנצען אָרגאַניזם און די טוי־זענדער שריט וואָס מען מאַכט איבער׳ן טאָג ווירקען אויף אונזער פיזישער און גייסטיגער ווידער־שטאַנדספעהיגקייט ווי א טראָפּען וואַסער נאָך א טראָפּען וואָס מילייעט אויס א שטיין.

טראָגט גומי־אָבצאַסען „בערסאָן"!

זיי גיבען איך אַ אנגענעהמען גאַנג, וואָס איז פריי פון ערשיטערונגען, שוינען דעם קערפּער און די נערווען און זענען אַ נויטווענדיגקייט פון יעדען קולטורעלען מענש.

קיין לוקסוס, ביליגער און דויערהאַפטער ווי לעדער.

טראָגען „בערסאָן"
איז א אמת׳ער תענוג.




---

# פּאַטאַקאַנאַ.

מיר בעשייניגען היער מיט אַן די געברידער פּאַטאָק אונ־טער די פירמאַ „י. ד. פּאַטאַק זעהנע" אין מאַלאַבאַנדז נעבען בענדין, אז דיא פלאַנצען פיט (מאַרגארינע) וואָס ווערט אויס געארבייט אין זייער פאַבריק אין מאַלאַבאַנדז מיט דעם נאָמען „פּאַטאַקאַנאַ" איז בהכשר גמור על צד היותר טוב אינטער אינזער אויפזיכט אין עס איז דארין קיין שום חשש פון תערובות איסור עס מעגען עסען אפילו היראים והחרדים אין צו בעניצען זאָ צו פליישיגע זאָ צו מילכיגע מאכלים אָהן שום נאָכדענקונג.

ובעה״ח ד׳ צו ז׳ לחודש ניסן תרפ״ח פה בענדין.

**חנוך צבי הכהן לעווין** אב״ד דפה
**יהושע** דומ״צ
**דן יצחק** דומ״צ
**חנוך דוד** סג״ל דומ״צ

(חותם: הכהן / בענדין / ד.גליל)

---







---

א **גטוועלב** צום **איבערגעבן**

א געוועלב מיט אלע איינריכטונגען
אויף דער פּאָלנא גאַס № 2
ביי דער קעלצער ראָגאַטקע.
דאָס געוועלב איז שוין בעזאָרגט מיט
ספּאָזשיוועטשע סחירה.
ביים געוועלב איז פאַרהאַן 2 אָדער 3 שטובען.
געוואויר ווערען קען מען פּאָלנא 2 ביים ווירט.

---

א **לערן־יונגעל**
**איז נויטיג**
אין דער דרוקעריי
פון „ראַדאָמער־קעלצער לעבען"

---

ביי **פאַדאַגרא** | **הישיאַס** | נערווענשמערצען
**רעוומאַטיזם** | **גריפּע** | קאָפּשמערצען
און פערקילונג

האָבען זיך אויסגעוויזען דיא **טאָגאַל**־טאַבלעטען אלס וואונדערליכע רעטונגס־מיטעל

פּראָבירט און איבערציינט אייך




**טאָגאַל**
צולאזט דיא הורין ווייסרע

**GERHARD F. SCHMIDT.**
WYTWÓRNIA PREPARATÓW FARMACEUTYCZNYCH
ZURICH, MONACHJUM, BERLIN, WIEDEŃ, BUDAPESZT
TORONTO (KANADA) GDAŃSK.

---

**Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303, ma świeżą ospę.**


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.